# הקדמה צו תיקון הכללי

**"איך בין שטארק מיט אלע מיינע זאכן וואס איך הייס,
אבער אין דעם ענין פון זאגן דעם תיקון הכללי בין איך נאך
שטערקער אז דאס העלפט זייער ארויס פאר דעם מענטש."**

די ספר אנטהאלט די צען קפיטלעך תהילים באקאנט אלס "תיקון הכללי", וואס איז צוזאמגעשטעלט געווארן דורך דער גרויסער, הייליגער צדיק און געטליכער מאן, רבי נחמן זצוקלה"ה פון ברסלב (1700-1810) וועלכער האט געהייסן דאס זאגן. ער האט אסאך גערעדט דערוועגן, סיי די אויבנדערמאנטע ווערטער און נאך אסאך דיבורים איבער די גרויסע תיקון דערפון, אפילו פאר די גרעסטע עוונות און חטאים.

ווי אויך איז דא בייגעלייגט א תפילה וואס האט א שייכות צו דעם תיקון, געשריבן דורך זיין נאנסטע תלמיד, דער גרויסע צדיק, רבי נתן שטערנהארץ זצוקלה"ה פון ברסלב (1780-1844).

רבי נחמן האט געזאגט אז די תיקון איז א גענצליך נייע זאך, א וואונדערליכע חידוש! א גאר וואונדעליכע תיקון וואס דארף ווערן פארשפרייט איבער די גאנצע וועלט, ער האט צוגעלייגט: "גאט איז געווען גוט צו מיר און געהאלפן אז איך זאל משיג זיין דעם ענין בשלימות."

דער רבי האט אויסגעלערנט אז די צען קפיטלעך אנטהאלט אלע צען ערליי געזאנגען מיט וואס דעם ספר תהילים איז צוזאמענגעשטעלט געווארן. ווי אויך האבן זיי דעם כח צו פארעכטן די שאדן וואס קומט ארויס פון דעם מענטש'ס זינד און עס העלפט אים זיך ברענגען צו די גרעסטע גליק.

א הַלְלוּיָהּ

לויבט דעם באשעפער!

הַלְלוּ־קֵל בְּקָדְשׁוֹ

לויבט דעם באשעפער אין זיין הייליג ארט.

הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ:

לויבט אים אין זיינע מעכטיגע הימלען.

ב הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו

לויבט אים פאר זיין שטארקע טאהטן.

הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ:

לויבט אים אזוי ווי עס איז פאסיג
פאר זיין פול גרויסקייט.

ג הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר

לויבט אים מיט שופר בלאזן.

הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר:

לויבט אים מיט א הארפ און א פידל.



ד הַלְלוּהוּ בְתֹף וּמָחוֹל

לויבט אים מיט פויק און טענץ.

הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעֻגָב:

לויבט אים מיט פליוטס און פייפערס.

ה הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע

לויבט אים מיט הויעכע צימבאלן.

הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה:

לויבט אים מיט קלאנגעדיגע צימבאלן.

ו כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל קָהּ

יעדע נשמה זאל לויבן דעם באשעפער.

הַלְלוּיָהּ:

לויבט דעם באשעפער!

# ר׳ נתן׳ס תפילה

העלף מיר זיך אויפלעבן מיט דיין חסד,
מיט דיין ליבשאפטט וואס פליסט איבער.
מיט דיין ענדלאזע גוטסקייט,
צו דיר אליין ווענד איך זיך, ביי דיר אליין זיך איך האפענונג.

העלף מיך זיך צוריקקערן צו דיר אינגאנצן,
מיט אן אמת און א גאנצע ריינע הארץ.
איך זאל זוכה זיין צו ווערן ווי דו ווילסט איך זאל זיין,
באשעפערפון ליבשאפט, געב מיר לעבהאפט.

"א ריינע הארץ באשאף מיר, מיין גאט,
און א רעכטפארכטיג הארץ באניי אין מיר!"

באשעפער פון שיינקייט און פון גליק,
ביי דיר איז קיין טרויער נישט פאראן.
"שיינקייט און פראכט איז פאר אים,
שטארקייט און גליק איז ביי זיין ארט."

געב מיר די זכי׳ צו זיין פריילך שטענדיג.